קרן תוספות יום טוב

גליון שפ"ט

# נקדישך

פ' שמיני תשפ"ה לפ"ק

מרומם זיין עבודת התפלה וקדושת ביהמ"ד מיט די "הייליגע קבלה" נישט צו רעדן ביים דאווענען

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

### וַיְבָרְכֵם וַיֵּרֶד מֵעֲשֹׂת הַחַטָּאת

**דער** דרך פונעם יצר הרע איז, קאלט צו מאכן דעם מענטש ווען ער שטעלט זיך דאווענען, ער זאגט אים: 'דו ביסט דאך פול מיט עוונות, וויאזוי ווילסטו בכלל גיין דאווענען'. אבער דער אמת איז אז השי"ת איז א שומע תפילת כל פה סיי ווען אימער.

אויף דעם זאגן אונז חז"ל **'אין מעבירין על המצוות'** - בשעת מ'גייט טון א מצוה זאל מען זיך נישט דערמאנען אין די 'עבירות'.

דאס זאגט אונז דא די תורה הק' **'וישא אהרן את ידיו אל העם ויברכם'** - ווען ס'איז געקומען צו בענטשן די אידן, **'וירד מעשות החטאת'** - האט אהרן הכהן זיך אוועקגעקערט פון די עבירות פון כלל ישראל, ער האט דאס דעמאלס בכלל נישט געדענקט. (תפארת שלמה)

## הוּא מוֹשִׁיעֵנוּ

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

# "איך געב אים אַזאַ קוק אָן ווי פון הימל אַראָפּ, ער גיבט מיר זיין נומער, און זאָגט: "לאָמיר אָפּשמועסן אויף אַן אינטערוויו!"

**אל** כבוד הגליון המכובד 'נקדישך'.

איך וויל מיטטיילן מיט אייך א קורצע פערזענליכער געשעעניש, וואו איך האב שטארק געזען די 'השגחה פרטית', און דער כח פון א גוטע קבלה אין דעם ענין פון 'דאַווענען'.

איך האב געזוכט א לענגערע צייט א פרנסה קלה ונקי', און עס איז נישט געגאנגען אזוי לייכט. איך האָב געזוכט דאָ, און גענישטערט דאָרט, אָבער ווי מ'זאָגט: ס'האָט זיך נישט געמאַכט. ס'איז מיר ממש געגאַנגען בנפשי זיך מסדר צו זיין מיט אַ געהעריגע פרנסה.

נאכן ליינען אייער גליון, בין איך געוואָרן אָנגעוואַרעמט אויף דעם ענין פון קדושת התפילה, און איך האב מקבל געווען אַ קבלה וואָס איך האָב געשפירט אז איך קען עומד זיין דערין: 'איך גיי גענצליך אויסלעשן מיין טעלעפאָן בשעת'ן דאַווענען'.

איך האָב זיך דאָס אונטערגענומען, און ב"ה אָנגעהאַלטן.

א שטיק צייט שפעטער, איין טאָג אינדערפרי, ווי נאר איך פּאַרקיר אַריין מיין קאר פאָרנט פונעם ביהמ"ד וואו איך דאַווען, קומט צו צו מיר אַ יונגערמאַן, און פרעגט מיר אַזוי אָן קיין איבריגע הקדמות: "זאָג מיר, דו זוכסט אפשר אַזאַ סאָרט דזשאַב?" איך געב אים אַזאַ קוק אָן ווי פון הימל אַראָפּ. 'צופעליג' איז דאָס געווען אזא סאָרט פרנסה וואָס איז מיר געווען היבש ניחא.

זאָג איך אים תיכף: "יאָ, איך בין אינטערעסירט!"

פיין, ער גיבט מיר זיין נומער, און זאָגט מיר: "לאָמיר אָפּשמועסן אויף אַן אינטערוויו!"

נאָך יענעם טאָג בין איך שוין געווען אין זיין אָפיס. מיר האָבן אָפּגעהאַלטן אַ שמועס, איך האָב מוציא חן געווען בעיניו, און ביים ענדע פונעם שמועס גיבט ער מיר אַ זאָג: "איך בין גרייט דיר צו הייערן!"

איך בין געווען ממש שאָקירט. דאָ צופרי האָב איך נישט געהאט קיין חלום פון גאָרנישט, און סוף טאָג בין איך שוין גאָר אויף אַ פּאָזיציע אויף וואָס איך האָב באמת אַרויסגעקוקט, דערצו ביי אַ לייכטער בעל הבית, גוט באַצאָלט, אָרנטליכע באַדינגונגען. אַלע מעלות.

נאכן איבערטראכטן און אַריינקלערן, האָט מיר מיין מחשבה אָנגעהויבן צוריקצופירן צו מיין קבלה וואָס איך האָב זיך אונטערגענומען בקדושת התפילה.

איך האָב מיך גענומען רעכענען פּונקטליך ווען דאס איז געווען. אויף דער ערשטער מחשבה האָט מיר אויסגעזען אַז מ'רעדט דא פון לערך 40 טאָג. איך האָב זיך אַראָפּגעזעצט און אָפּגעציילט די פּונקטליכע טעג (אָן שבתים, וואס שבתים איז דאָך נישט שייך די קבלה), איז מיר אויסגעקומען דער חשבון: גענוי דעם איין-און-פערציגסטן טאָג אינדערפרי!

ביי מיר איז דאס געווען זייער א קלארע השגחה פרטית און סייעתא דשמיא.

יאָ, נאָך פערציג טעג זיך פירן מיט אַ שטאַרקייט און אָנהאַלטן די קבלה טובה, האָט דער רבוש"ע כביכול מיר געוויזן: דיין תפילה איז אָנגענומען געוואָרן!

אַזויווי איר האָט אַ חלק אין מיין ישועה, קומט זיך אייך באמת אַ יישר כח, און איך וואונטש אייך מעומק הלב אַסאַך הצלחה אויף ווייטער אין אייער עבודת הקודש.

יוסף א.

## סוד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

הגה"ק אבד"ק צעהלים זצ"ל

בעמח"ס מגדלות מרקחים - כ"ז ניסן תש"מ

**הִנֵּה לָשׂוּחַ בִּשְׁעַת חֲזָרַת הַשַּׁ"ץ אֵינוֹ מוּטְבָּע תַּאֲוָה זוֹ בָּאָדָם, וְאִ"כֵ הוּא בְּעַצְמוֹ הוּא הַחוֹטֵא, וְלֹא הַיֵּצֶה"ר הֱבִיאוֹ לִידֵי כָּךְ, וְהַיְינוּ הַכַּוָּנָה דִּבְאֹם שָׂח הוּא הוּא הַחוֹטֵא, וְעַ"כֵ גָּדוֹל עֲוֹנוֹ מִנְּשׂוֹא אוֹתוֹ.**

(מגדלות מרקחים - שבת שובה)

אין לקרותו בשעת התפלה וקריאת התורה | ונא להזהר על קדושת הגליון

# מעשיות פון חדר

**א**יין טאג לערנענדיג מיט יונגלעך הלכות תפילה, ווען מיר זענען אנגעקומען צום סעיף וואס רעדט איבער די הארבקייט פון רעדן בשעת התפילה, האב איך געזוכט א געדאנק וויאזוי איך זאל קענען אראפלייגן די חומר הדבר פאר די צוועלף יעריגע קינדער, אז עס זאל זיי גוט אריינגיין אין די ביינער, און זיי זאלן עס געדענקען אויף לאנגע יארן.

דער רבוש"ע האט מיר חונן דעת געווען, איך האב ארויסגערופן איין יונגל און געזאגט: "ברוך, קום אהער, זיי מוחל, נעם מיין טיש, און טראג עס צום מנהל'ס אפיס".

ער קוקט אן מיר אן און פרעגט "וואָ-א-א-ס?..."

איך זאג אים נאכאמאל מיטן פולסטן ערנסטקייט: "טו מיר א טובה, הייב אויף מיין טיש, נעם עס ארויס פון קלאס, און לייג עס אין האָל נעבן דעם מנהל'ס אפיס!".

ער קוקט אויפן טיש - וואס איז צוויי מאל אזוי גרויס ווי אים - און ער בליקט אויף מיין פנים צו זען צי איך טרייב שפאס פון אים... ער ווייסט נישט וואס איך וויל פון זיין לעבן האבן.

ביים איבערזאגן דעם פזמון צום דריטן מאל, האבן שוין אלע קינדער געזען אז דער רבי וויל דא עפעס... יעצט אז יעדער האלט שוין מיט, קען מען גיין צום נמשל, און איך האב זיי געזאגט: "אמת קינדער, אפילו ברוך וויל זייער שטארק טון וואס מ'הייסט אים, איז נישט מעגליך אז ער זאל אליין אויפהייבן דעם ריזיגן טיש און עס ארויסטראגן פון דא?

"יעצט קינדער לאמיר צוזאמען לערנען וואס חז"ל זאגן אויף דער וואס רעדט בשעת חזרת הש"ץ און קריאת התורה. דער שלחן ערוך שרייבט 'גדול עונו מנשוא', דאס טייטשט, דער עבירה איז שווערער ווי א מענטש קען דערהייבן! דער מענטש קען נישט טראגן אויף זיך אזא גרויסע שווערע עבירה רחמנא ליצלן.

"טייערע קינדער", האב איך געזאגט מיט א פייערדיגע שטימע. "אזויווי ס'איז נישט מעגליך פאר קיינעם פון דא אויפצוהייבן דעם גרויסן טיש, און עס טראגן אפילו פאר איין מינוט, אפילו מ'זאל ענק צוזאגן סיי וועלכע באלוינונג אויף דער וועלט, פונקט אזוי טאר מען נישט רעדן בשעת חזרת הש"ץ און קריאת התורה, אפילו איין ווארט, ווייל דו וועסט חס וחלילה נישט האבן די כח צו דערהייבן דער גרויסער עבירה, און דער ריזיגער שטראף דערפון רח"ל!". עד כאן המעשה אין חדר.

אולי קען דער משל קען זיין בייהילפיג אויך פאר דערוואקסענע. אמאל בשעת קריאת התורה אדער חזרת הש"ץ קומט א גוטער חבר, זעצט זיך אויפן באנק קעגנאיבער, הייבט אן שמועסן עפעס אינטערעסאנט, און ס'איז שווער אפצוזאגן, זאל מען געבן א בליק אויפן שווערן בימה, און זיך אויס'משל'ן, אויב דער זעלבער חבר זאל יעצט צוקומען צו דיר, און בעטן אז דו זאלסט אויפהייבן דעם בימה, און אראפטראגן די טרעפ פונעם שול, אדער ארויפטראגן אין ווייבער-שול, אפילו מ'וויל זייער שטארק, איז עס בשום אופן נישט מעגליך. נישט ווייניגער פון דעם איז נישט מעגליך יעצט צו שמועסן אפילו גאר א קורצע שמועס!

דער שולחן ערוך זאגט 'גדול עונו מנשוא', דער מענטש האט בשום אופן שבעולם נישט קיין כח צו טראגן אויף זיך אזא שווערע עבירה און דער הארבער עונש רח"ל. און פארקערט, אז מען גיבט אכטונג נישט צו רעדן ביים דאווענען און ביים ליינען, זענען מיר מובטח פון חז"ל צו באקומען גאר גוטע ברכות בכל העניינים.

*

**איך** בין אמאל געווען ערגעץ צו גאסט, און געזען ווי א גבאי דרייט זיך ארום ביי חזרת הש"ץ פון מנחה ערב שבת, און זוכט א בעל תפילה זאל צוגיין צו קבלת שבת, אנשטאט ווינקען און מרמז זיין ווער עס וויל צוגיין, האט ער זיך געדרייט צווישן דעם עולם, און גערעדט און זיך געווערטלט, כאילו מ'וואלט בכלל נישט געדאווענט יעצט.

דער ציבור וואלט אים טאקע נישט געדארפט אזויפיל אפזאגן, און פארקערט, יעדער דארף נושא בעול זיין און פרובירן גרינגער צו מאכן פארן גבאי, אז ער זאל נישט דארפן אזויפיל ארומלויפן זיך בעטן ביים עולם, אבער מאן יימר אז צוליב דעם מעג מען אויסרעדן בשעת דער שולחן ערוך זאגט בפירוש אז ס'איז 'אסור?...'

שטעלט זיך פאר, א גרויסער אדמו"ר וואס האלט אינאיין מעורר זיין דעם ציבור איבער דער הארבקייט פון טעכנאלאגישע כלים, ביי יעדע געלעגנהייט איז ער משמיע דעת קדשו, אז לכה"פ ברבים אין בית המדרש זאל דאס זיין בבל יראה ובבל ימצא. ויהי היום, עס קומט אריין א חסיד צום רבי'ן זיך שואל עצה זיין בענייני רפואה. דער רבי האט אים צוגעוויזן ער זאל גיין צום גבאי'ן נעמען דעם נומער פון א געוויסן דאקטער. דער גבאי שלעפט ארויס פון טאש א גרויסע כלי, און הייבט אן ווישן צו זוכן די אינפארמאציע. - ביים רבי'ן אין שטוב אזא טעלעפאן?... עמי בבית? הישמע כזאת?!...

איינע פון די הארבסטע זאכן וואס איז נוגע צו א בית המדרש, איז רעדן בשעת חזרת הש"ץ! ס'איז נישט מעגליך אז דער גבאי פונעם כביכול, זאל טון עפעס ברבים וואס ברענגט אזא חרון אף ח"ו.

ומידה טובה מרובה, די גבאים וואס זענען א דוגמא פארן ציבור צו האלטן אן ערנסטקייט בשעת התפילה, עליהם נאמר 'וכל מי שעוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם', מיט אלעס סארט ברכות האמורות בתורה, אמן.

# דאָס רעדן ביים דאַווענען האַלט אָפּ משיח צדקינו!!!

לרגל יומדה"ל קדישא של הגה"צ מצעהלים זצ"ל
נפ' כ"ז ניסן תש"מ לפ"ק

**אַ** גאָר אינטרעסאַנטע און פאָרכטיגע עפּיזאָד איז דערהאַלטן געוואָרן ביים קרן תוספות יו"ט פון הרה"ח מוה"ר י. ד. ליכטענשטיין פון וויליאַמסבורג, וועלכער האָט זוכה געווען לאַנגע יאָרן צו זיין א פערזענליכער משמש ביי הגה"ק מצעהלים זצוק"ל בעל מגדלות מרחקים.

פאָלגענד איז וואָס דער איד טוט איבערגעבן ברגשי הלב:

"עס איז געווען די צווייטע נאכט פּסח, נאָכ'ן סדר, ווען איך בין געגאַנגען זיך צולייגן. ווי נאָר איך בין איינגעשלאָפן, זע איך פּלוצים אין חלום מיין גרויסן רבי'ן, דער צעהלימער רב זצוק"ל. כ'בין ווי פארשטענדליך זייער נתרגש געוואָרן צו זען דעם צדיק בהדרו. דאַן הער איך ווי דער רב זצוק"ל זאָגט מיר ווי פאָלגענד:

"מ'וויל ס'זאל שוין זיין דער גואל צדק, מ'זאָל ברענגען די גאולה שלימה -אָבער מ'קען נאָכנישט".

האָב איך תיכף צוריקגעפרעגט דעם רבי'ן: "פארוואס קען מען נאך נישט?"

- "ווייל מען רעדט ביים דאַווענען"!

איך האב דאן געפרעגט די רבי, "נאָך עפּעס?" אָבער דעמאָלט האָב איך מער נישט געזען דעם רבי'ן.

דער צדיק איז פאַרשוואונדן געוואָרן, מיך איבערלאָזנדיג אונטער אַ מורא'דיגן התרגשות, הערנדיג אַזאַ הימלישע סיגנאַל פון אַ צדק בעלמא דקשוט, אַז דאָס רעדן ביים דאַווענען טוט ח"ו צוריקהאַלטן ביאת משיח צדקינו!

# כְּגַוְנָא (ב)

## די שמחה ביי הקב"ה ווען אידן זאגן כגונא

**הרה"ק מפיאסעצנא זי"ע** אין **חובת התלמידים** (שלשה מאמרים, מאמר ג) רעדט באריכות איבער די קדושה און סודות נוראים וואס ליגט אין דעם מאמר פון **'כגוונא'** און **'רזא דשבת'**, און די אומבאגרייפליכע תיקונים נוראים וואס עס טוט זיך אפּ אין די עולמות העליונים ווען אידישע קינדער זאגן די הייליגע ווערטער פונעם זוהר הקדוש.

ער שרייבט, אז נישט בלויז זענען מיר נישט משיג די טיפע סודות און קדושה וואס ליגן אין די ווערטער, נאר מיר זענען אויך נישט משיג די קדושה פון א איד וועלכער טוט אויף אזעלכע אויסטערלישע תיקונים, ווי ער שרייבט: **'לא את עצם הקדושה אשר במרום בלבד אינו משיג, רק גם את מעשי איש הישראלי ואת תיקונו אשר הוא בעצמו מתקן מיוחד ומאיר במרום במצותיו ועבודתו, אי אפשר לו להשיג'.**

ווייטער שרייבט ער מורא'דיגע דיבורים איבער די שמחה וואס דער בורא כל עולמים האט ווען אידן זאגן כגוונא מיט דערהויבנקייט, וז"ל: **'היוכל אנוש עלי אדמות לדמות אף מקצת מן היחודים ושמחת הקב"ה בשעה שישראל אומרים כגונא ביראה אהבה ושמחה'.**

*

ענליכע ווערטער ווערן אויך געברענגט בשם **הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע**, וועלכער האט געזאגט, אז כאטש די הייליגע ווערטער פונעם זוהר הקדוש זענען גאר הויעך און טיף, וואס לאו כל מוחא סביל דא, דאך זאגט מען עס, כדי צו וויסן אביסל איבער די געוואלדיגע השגות און תיקונים פון שבת קודש, און צו ווערן אנגעפילט מיט בושה ווי ווייט מיר זענען פון די הויכע מדריגות.

*

**הרה"ק רבי שלום מבעלזא זי"ע** האט געזאגט, אז דער מאמר פון זוהר הקי' 'רזא דשבת' וואס מען זאגט אינאיינעם מיט כגונא, קען נישט פארשטיין נאר איינער וואס איז אין די בחינה פון רואה ואינו נראה (דברי חנה - ח"ב, עמוד שעד).

## רזא דשבת איהו שבת

**דער** הייליגער **אוהב ישראל מאפטא זי"ע** ערקלערט די ווערטער, אז געווענליך ווערט יעדע תיקון בעולמות העליונים געמאכט דורך אן אתערותא דלתתא, וואס אידישע קינדער טוען מצוות דא בעולם הזה. חוץ מצוות שבת וואס איז בלויז אן ענין פון 'שב ואל תעשה', וויבאלד דעמאלס געשעט אלעס פון זיך אליין אין די עולמות העליונים אן קיין שום אתערותא דלתתא, וועגן דעם דארף מען בלויז רוען און גארנישט טון.

דאס איז פשט אז 'רזא דשבת איהו שבת', אז דער שבת אליין טוט אויף אלע תיקונים, און אן קיין שום עשיה פון דא אונטן ווערט 'אתייחדת ברזא דאחד'.

*

**הרה"ק מרוזין זי"ע** האט געזאגט: דער אות א' איז זיך געקומען באקלאגן אויפן תרגום אונקלוס, אז אינעם פסוק 'שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד' האט ער אראפּגענומען אן א', און ער שרייבט 'ה' חד'. האט דער בעל התרגום געענטפערט, אז אינעםווארט 'שבת' וואס איז מרמז אויף שמא דקודשא בריך הוא (זוהר הקי' ח"ב, פח:) שטייט אן אות א' מער - 'שבתא', וואס ווייזט אויף די אחדות פונעם אויבערשטן.

דאס איז דער רמז דא: **'רזא דשבת איהו שבת דאתאחדת ברזא דאחד'**, אז דער אות א' פון אחד געפינט זיך אינעם שבת. דער חילוק איז נאר, אז ביי 'אחד' איז דער א' פון אנהייב, און ביי 'שבתא' איז דער א' צום סוף. וועגן דעם זאגט דער מאמר ווייטער: **'ואתפרשת מסטרא אחרא'**, די א' איז געלייגט געווארן אויפן צווייטן זייט.

## דאווענען ברענגט דעם שבת

**הרה"ק בעל תורת חיים מקאסוב זי"ע** פלעגט צומאל אינמיטן דאווענען זיך אויסדרייען צום ציבור, און זאגן א פשט אויף די ווערטער פון דאווענען, וואס איז אים דעמאלס איינגעפאלן. אמאל האט ער געטייטשט די ווערטער פון כגונא: **'צלותא'** - מיטן דאווענען, **'דמעלי שבתא'** - ברענגט מען אריין דעם שבת (שרפי קודש, ח"א)

## די נשמה יתירה הייבט אן דאווענען

**הרה"ק בעל נועם אליעזר מסקולען זי"ע** שרייבט בנועם שפתותיו א ביאור אויף די ווערטער **'וכולהון מתעטרין בנשמתין חדתין כדין שירותא דצלותא'** (ווערטערליכער איבערזעצונג: אום שבת קודש ווערט יעדער איד באקרוינט מיט א נייע נשמה, און דאן הייבט זיך אן דאס דאווענען):

ברוב ענותנותו הייבט ער אן מיט א התנצלות: **'אם כי עני מדעת אני בעוה"ר, ואינני יודע מה בזוה"ק אשר במלין עלאין ימלל, וגם הנגלה נסתר לפנינו בעוה"ר, כי מעט מאוד אשר למדתי בעניי מפני הטירדות השונות בעוה"ר, בכל זה לא אמנע מלרשום מה שחנני השי"ת החונן לאדם דעת ומלמד לאנוש בינה':**

טייטשט דער סקולענער רבי די ווערטער, מיט דעם וואס עס איז באקאנט פונעם הייליגן **רבי מענדעלע וויטעבסקער זי"ע**, אז נאכדעם וואס ער איז ארויפגעגאנגען קיין ארץ ישראל, האט ער געשריבן פאר זיינע תלמידים און חברים, אז אין זיינע יונגע יארן פלעגט ער בעטן דעם באשעפער ער זאל זוכה זיין צו דאווענען כאטש איין טאג ווי עס פאסט צו דאווענען פארן גרויסן בורא עולם ואדון הכל.

ווען ער איז עלטער געווארן האט ער פארשטאנען, אז צו דאווענען איין טאג כראוי פארן הייליגן באשעפער איז אים נישט מעגליך, אבער ער האט דאך געבעטן אז ער זאל זוכה זיין כאטש איין תפילה צו דאווענען כראוי מיטן גאנצן כח און מסירת נפש.

נאכדעם וואס ער איז אנגעקומען קיין ארץ הקודש, און אוירא דארץ ישראל מחכים, האט ער געזען אז אפילו איין תפילה איז אויך אוממעגליך צו דאווענען ווי עס דארף צו זיין פארן אדון כל, האט ער אנגעהויבן בעטן, אז כאטש איין ברכה פון שמונה עשרה זאל ער אמאל קענען דאווענען כראוי וכיאות פארן בורא כל עולמים.

פון די מעשה זעען מיר, אז כאטש מען דארף זיך אנשטרענגען מיט אלע כוחות, צו דאווענען ווי עס איז ראוי פארן גרויסן הייליגן באשעפער, אבער ווי העכער מען שטייגט אין די מדריגות הייבט מען ערשט אן משיג צו זיין אז מען האט נאך קיינמאל נישט געדאווענט ווי עס וואלט זיך געפאדערט ווען מען שטייט פארן מלך מלכי המלכים, און אז מען דארף זיך נאך פיל מער אנשטרענגען צו דאווענען כראוי.

אויב אזוי, ווען עס קומט שבת קודש, יעדער איד באקומט א נשמה יתירה, און ווערט דערהויבן צו העכערע מדריגות, הייבט ער אן צו שפירן אז ער האט נאך גארנישט געטון אין עבודת ה', און ער דארף יעצט אנהייבן פון פריש צו דאווענען, ווי גלייך ער איז א קינד וואס הייבט זיך יעצט אן אויסצולערנען וויאזוי צו דאווענען.

דאס איז פשט אין די ווערטער: **'וכולהון מתעטרין בנשמתין חדתין, כדין שירותא דצלותא'**, אז וויבאלד מען באקומט א נשמה יתירה קומט מען אן צו די השגה אז מען דארף יעצט נאכאמאל אנהייבן פון פריש צו דאווענען צום ערשטן מאל.

אבער - פירט דער רבי אויס - טראצדעם אלעם זאל א מענטש חס ושלום נישט ווערן געפאלן ביי זיך און בעצבות, און זאגן אז אויב אזוי וואס האב איך בכלל צו דאווענען? וועגן דעם פירט אויס דער זוהר הקי' - 'לברכה לה בחדוה', אז דאך זאל מען זיין בשמחה, ווי עס שטייט אין פסוק 'עבדו את ה' בשמחה' - ווייל טאקע דאס איז די עבודת ה', אלעמאל צו שטייגן און משיג זיין ווי ווייט מען איז, אויב אזוי דארף מען עס טון מיט א שמחה (קונטרס השבת נועם הנשמות).

הגה"צ רבי **אביגדור מיללער** זצ"ל - יומא דהילולא כ"ז ניסן

# מתפלל זיין פאר אנדערע אידן

## די עבירה פון וואס איר האט נישט געוואוסט

**א**ין **ספר שמואל** (שמואל א' יב, כג) זאגט שמואל הנביא פאר אידישע קינדער: **'חָלִילָה לִּי מֵחֲטֹא לַה' מֵחֲדֹל לְהִתְפַּלֵּל בַּעַדְכֶם'** - חלילה פאר מיר, אז איך זאל זינדיגן צום אויבערשטן, און זיך אפהאלטן פון מתפלל זיין פאר ענק. ער רופט אָן א חטא דאס נישט בעטן פאר א צווייטן וועלכער נויטיגט זיך אין א ישועה.

די **גמרא** זאגט (ברכות יב:) אויף דעם פסוק **'כל שאפשר לבקש רחמים על חברו ואינו מבקש נקרא חוטא'** - יעדער איינער וואס האט די מעגליכקייט צו דאווענען פאר א צווייטן און ער דאווענט נישט, ווערט ער אנגערופן א חוטא.

דאס איז א גרויסער חידוש! ווייל מיר פארשטייען טאקע אז עס איז א גוטע זאך צו דאווענען פאר א חבר. אויב איינער דארף א רפואה איז עס א געוואלדיגע שיינע זאך צו דאווענען פאר יענעם מענטש. אויב איינער דארף א שידוך און מען דאווענט פאר אים, איז עס אויסגעצייכנט. אבער וואס שמואל הנביא זאגט דא איז א נייער חידוש: **דו ביסט מחוייב צו דאווענען!** און טאמער נישט טוסטו אן עבירה.

*

## ווען מען הערט די אמבולאנס סירענע

**איז** יעצט ווייסט איר שוין וואס צו טון ווען איר הערט אז עמיצער דארף א ישועה. לאמיר זאגן איר געפינט אויס אז איינער וועם איר קענט האט א נישט-געזונט קינד רח"ל. דו קענסט אים נישט העלפן, כאטש דאווען פאר אים! דאס איז די מינימום וואס דו קענסט טון! בעט השי"ת זאל אים העלפן. פרעג זיך נאך וואס עס איז דער נאמען פונעם קינד, און מאך זיכער צו מתפלל זיין פאר אים.

דיין חבר הערט נישט. שטעל זיך אין א ווינקל ערגעצוואו און רעד צום אויבערשטן. טרעף א טעלעפאן-בודקע. איר קענט אפילו אויפהייבן א טרייבל אין האנט אויב איר ווילט, **מאכט א 'לאנג-דיסטענס' קאל צו השי"ת און זאגט: "איך בעט דיר רבונו של עולם, שיק א רפואה שלימה צו פלוני בן פלונית, בתוך שאר חולי ישראל!"**

און נישט בלויז איינמאל בעטן און נאכדעם פארגעסן, נאר אסאך מאל דארף מען בעטן! **מען דארף זיך ארומדרייען מיט צעטלעך אין טאש מיט די נעמען פון די חולים און אנדערע נצרכים, און פון צייט צו צייט ארייננקוקן אין זיי און מתפלל זיין.** עס איז זייער וויכטיג צו מתפלל זיין פאר אנדערע אידן.

ווען מען הערט די סירענע פון אן אמבולאנס אראפפליען די גאס, באטראכט עס נישט ווי סתם אן ערשיינונג אינעם טעגליכן לעבן. די געשריי פונעם סירענע זאל זיין אין דיינע אויערן ווי גלייך דער קראנקער מענטש שרייט צו דיר: **"העלף מיר!"**

עס קען זיין אז דער דרייווער פונעם אמבולאנס מאכט מער סירענעס ווי עס פעלט אויס, אבער סיי-וויאזוי זאלט איר עס אננעמען ווי די וויי-געשריי פון א מענטש וואס קעמפט פאר זיין לעבן. זיין אקסיגען שטאפלען פאלן, זיין הארץ קלאפט קוים, און מיט זיין לעצטן אטעם שרייט ער: **"העלף מיר!"** איי איר ווייסט גארנישט וועגן דאקטעריי. וואס קענט איר אים העלפן? דער ענטפער איז אז איר קענט יא! איר קענט דאווענען! זאג א תפילה: "אויב ער איז א איד זאל אים דער אויבערשטער שיקן א רפואה שלימה, בתוך שאר חולי ישראל".

האט מיר איינער געפרעגט: "און וואס טוט זיך אויב ער איז אן איטאליענער? דארף מען נישט בעטן פאר אים?" דער ענטפער איז: איז דער איטאליענער מתפלל פאר זיין חבר אן איטאליענער? זיי טוען עס נישט. ווען אן אמבולאנס פליט דורך, וועלכער איטאליענער דאווענט דעמאלס?... א נעכטיגן טאג! מיר בעטן בלויז פארן עם ישראל. דאס איז אונזער נאציאנאלער חיוב.

*

## אידן דארפן ישועות

**נישט** בלויז פאר די חולים דארף מען בעטן. אויב דו ווייסט פון עמיצען וועלכער מוטשעט זיך מיט פרנסה, ער האט זיך פארפלאנטערט מיטן געזעץ, ער האט צו טון מיט זיין שכן, אדער סיי-וועלכע אנדערע שוועריגקייטן וואס מענטשן האבן, זאלסטו שפירן אז עס איז דיין פליכט צו מתפלל זיין פאר זיי.

קוק וויפיל מיידלעך דארפן שידוכים. וויפיל מענטשן קענען נישט טרעפן שידוכים פאר זייערע טעכטער?! האט איר שוין אמאל אוועקגעגעבן פינף מינוט צו דאווענען פאר די אידן וועלכע דארפן שידוכים? זיי זענען אין א פארלעגנהייט. זיי רופן מיר אויפן טעלעפאן און פרעגן: וואס זאלן מיר טון? עס גייט נישט.

צומאל קענען מיר בלויז דאווענען פאר זיי. אויב איר קענט טון מער, דאן אדרבה! טוט וואס איר קענט. אבער אויב איר קענט יעצט גארנישט טון למעשה, כאטש קענט איר אראפנעמען אפאר מינוט צו דאווענען פאר אלע בחורים און מיידלעך וועלכע דארפן שידוכים.

**דאס איז אונזער מינימום הילף וואס מיר קענען טון. עס דארף כסדר זיין אין אונזער מח, אז מיר האבן א פליכט צו מתפלל זיין און דאווענען פאר אנדערע אידן.**

*

## די געלעגנהייט אינזין צו האבן אנדערע ביי שמונה עשרה

**דאס** ברענגט אונז צו איינס פון די גרעסטע געלעגנהייטן אין לעבן וואס מיר אנערקענען נישט גענוג, דאס איז 'שמונה עשרה'. אלע ברכות אין שמונה עשרה זענען אויסגעשטעלט אז מען בעט בלשון רבים. מען זאגט נישט 'רפאני ה'' - הייל מיר באשעפער, נאר מען זאגט 'רפאנו' - הייל אונז. 'ברכנו' מיינט - בענטש 'אונז'.

געוויסע מענטשן מיינען אז 'אונז' מיינט 'מיך', און עס איז בלויז א בכבוד'יגער אויסדרוק... ניין. 'אונז' מיינט 'אונז!'. 'על כל ישראל עמך!' מיר בעטן פאר אלע אידן; פאר גאנץ כלל ישראל. מיר בעטן פאר אלע אונזערע שכנים, פאר די חסיד'ישע אידן אין וויליאמסבורג, פאר די לעיקוואדער אידן, פאר די מאנסי אידן, פאר די תימנ'ער אידן, פאר די פלעטבושע אידן, און פאר די ארץ ישראל'דיגע אידן. מיר ווילן אז אלע אידן זאלן האבן ישועות.

עס איז נישט קיין שלעכטער געדאנק, ווילאנג מען געוואוינט זיך צו צו בעטן פאר אלע אידן, אז מען זאל כאטש אינזין האבן כאטש איין איד וועלכער שטייט נעבן דיר אין שול. אפשר איז עס צו סאך צו פארלאנגען אינזין צו האבן יעדן אין דיין מנין.

אפילו ווען איינער זאגט 'אודאי האב איך אינזין יעדן', אבער באמת האט ער קיינעם נישט אינזין. קוים פון זיך אליין טראכט מען... דעריבער איז א גוטע געוואוינהייט ווען מען זאגט 'רפאנו ה' ונרפא' צו טראכטן פונעם שכן אין שול,

המשך אויף עמוד ו'

---

### אַדִּיר וְחָזָק
ציטוטים קצרים מספה"ק על עוצם כחה של תפלה

**אל יתייאש מלהתפלל אף אם לא נענה**

**אף** אם יראה הרואה שהתפלל על איזה דבר ולא הועילה תפילתו, אל יתייאש מלהתפלל עוד, אלא יקוה ויחזור ויקוה, כמ"ש בש"ס, כי אין לך תפילה למטה שאין עושה פרי למעלה, ועליהו לתרופה, וצריך לבטוח בה' ולחזור ולבטוח ולהתפלל עד שתרד התשועה למטה.

(ישמח לב מהמאור עינים)

---

### וַיַּשְׁמִיעֵנוּ
ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות בנושא של תפלה

**יש לכוף ראשו ולהניע פסיעותיו כנגד הספר**

**ומכח** מקרא זה 'אחרי ד' אלקיכם תלכו', כתבו קצת גאונים, שכשמוציאין הספר תורה צריך כל אדם לכוף ראשו ולהניע פסיעותיו מעט כנגד הספר.

(מאירי, בספרו קרית ספר מאמר ד' ח"א)

עבודת התפילה
אצל הרה"ק מרן
רבי משה מקאברין
זיעועכי"א
נפטר
כ"ט ניסן תרי"ח

## א ברענעדיגע דאווענען אין קאברין

**דער** הייליגער קאָברינער האָט באַלאָכטן די וועלט באור קדושתו ובגודל צדקתו. זיין עבודה איז געווען אויף אַ וואונדערליכן פאַרנעם, און איז צוגעגאַנגען מיט מסירת נפש, מיט כח, רעש און התפעלות, וואָס האָט אַריינגעשיינט אין אידישע הערצער, און געלערנט אַ דרך אין עבודה ויראת ה'.

ער פלעגט דאווענען מיט א ברען און מסירת נפש, אויף אזוי ווייט, אז חסידים פלעגן וואָך'חלש'ן אינמיטן דאווענען פאר גרויס ברען, הערנדיג און זעענדיג דאס פייערדיגע דאווענען פון זייער רבי'ן. עס פלעגן זיין געשטעלט עטליכע חסידים וועלכע זאלן אויפוועקן און דערמינטערן די חסידים וואס פאלן אוועק בשעת'ן דאווענען פונעם רבי'ן.

אַמאָל איז געקומען אין שטאט א רב, וואס איז אריין אינדערפרי אין ביהמ"ד פונעם קאָברינער, וואו מען האָט שוין געהאַלטן נאָכן דאַווענען. אָבער דאָרט זענען נאָך געווען חסידים וועלכע האָבן געדאַווענט ביחידות מיט גרויסע קולות. האָט ער זיך נאָכגעפרעגט ווער זיי זענען, ווייל ער האָט געטראַכט אַז דאָ רעדט זיך זיכער פון חשוב'ע רבנים אָדער דיינים ועובדי ה'. האָט מען אים אויסגערעכנט: דאָס איז אַ שניידער, דער איז אַ סטאָלער, און יענער איז אַ שמיד. האָט דער רב אויפגעהויבן די אקסלען און זיך אָנגערופן: געזונט און שטאַרק זאָל זיין דער הייליגער צדיק, וואָס דורך זיין כח ווערט געשאַפן אַ בחינה פון 'אילני סרק יתנו פירות'. ער גיבט אַריין אַ חיות אין וויסטעביימער, צו מאַכן אַזעלכע קולות און דאַווענען מיט אַזאַ פייער.

דער הייליגער קאָברינער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז דער וואָס גייט צו צום עמוד, דאַרף זיין גרייט אויף מסירת נפש.

## זיך אליין מקריב זיין

**אַמאָל** אונטערוועגנס האט דער קאָברינער געדאַווענט מוסף שבת פאַרן עמוד. אינמיטן חזרת הש"ץ ביים שטיקל 'תכנת שבת' איז ער פלוצלינג פאַרשלאַפט געוואָרן, און מען האָט שווער געדאַרפט אַרבעטן מיט גרויסע כוחות אים צוריקצוברענגען אז ער זאָל קענען ענדיגן דאַווענען.

אינמיטן טיש האָט ער זיך מורא'דיג צעפלאַמט אויף די ווערטער: 'והביאנו לציון עירך ברנה, ושם נעשה לפניך... ואת מוסף יום השבת הזה'. פאַרוואָס היינט האָבן מיר נישט קיין בית המקדש, און קיין קרבנות מוספים כהלכתם. און ער האָט אויסגעשריגן אויפן קול: רבונו של עולם! 'נעשה ונקריב לפניך'! מיר וועלן זיך אַליין מקריב זיין פאַר דיר אַנשטאָט אַ קרבן!

דעמאָלס האָבן אַלע פאַרשטאַנען די סיבה פאַרוואָס ער איז פאַר'חלש'ט געוואָרן ביים זאָגן די ווערטער אינמיטן מוסף (אור ישרים (תורת משה) בהגה אות יא).

## אלע צייגער האבן געציטערט

**הרה"ק** רבי מאטיל סלאנימער האט נאכדערציילט פון זיין טאטע, אז ער האט געזען ווי דער קאברינער מאכט די ברכה 'אשר יצר', און בשעת ער האט עס געזאגט האבן אלע זיינע צייגער געציטערט פון מורא צום באשעפער.

אַמאָל האָט ער געזאָגט פאַרן מחבר פונעם ספר 'נשמת שלמה ומרדכי', אַז דער תכלית פון חכמת הקבלה איז 'קבלת עול מלכות שמים'. און דער תכלית פון אַלע כוונות איז, אז מען זאָל מכוון זיין לבו לשמים. ווען אַ איד זאָגט 'ה' אלקי', ער איז מיינס און איך בין זיינס, און זיין נשמה איז נאכנישט אַרויס פון קערפער?! - און דאָ איז דער קאָברינער פאַר'חלש'ט געוואָרן, אַז מען האָט אים שווער געקענט ערוועקן.

## דאווענען ביים זמן תפילה

**דער** קאָברינער פלעגט דאַווענען יעדן טאָג תפילת שחרית ביים זמן תפילה. אַמאָל האָט הרה"ק מופת הדור רבי איציקל נעשכיזער זצוק"ל דערציילט, אַז מען האָט אים געוויזן דעם הייליגן קאָברינער נאָך די פטירה, און ער האָט געהאַט זייער אַ שיינעם געשטאַלט. און מען האָט אים געזאָגט אַז דאָס איז געווען וויבאַלד ער האָט געדאַווענט יעדן צופרי פארן זמן תפילה!

אויך איז ער געווען נזהר מקבל-שבת צו זיין מבעוד יום, אַז ווען ער האָט זיך געזעצט פראַווען דעם שלחן הטהור ביי די סעודה פרייטאָג צונאַכטס האָט מען נאָך געזען אידן גיין אין די בתי מדרשים דאַווענען (אור ישרים).

## וואס מיינט א 'איד'?

**דער** קאָברינער האָט נאָכגעזאָגט אַ וואָרט, וואָס ער האָט געהערט אין בית המדרש ווען ער איז אַלט געווען 6-7 יאָר, ווי עמיצער האָט געזאָגט פאַר אַ צווייטן: 'יענער איז אַן ערליכער איד'. און ער האָט מסביר געווען: אי"ד איז די ראשי תיבות: א'הבה י'ראה ד'ביקות. ווער עס האָט ערליכע אהבה, ערליכע יראה און ערליכע דביקות, דער ווערט אָנגערופן אַן ערליכער איד! (אמרות טהורות, עמ' לג).

## אויפגעלעבט מיטן אתרוג

**איין** יאר מוצאי יום כיפור, זייענדיג אפגעשוואכט פון זיין עבודת הקודש עד מסירת נפש, וואס ער האט אריינגעלייגט אינעם דאווענען במשך דעם גאנצן טאג פון יום הקדוש, האט דער צדיק גע'חלש'ט. מען האט פרובירט אים אויפצולעבן מיט אלעם וואס מען האט נאר געקענט אבער עס איז נישט געגאנגען. ביז מען האט אים געברענגט אן אתרוג, און ווי נאר ער האט געזען דעם אתרוג וואס מיט דעם גייט מען אט-אט מקיים זיין א מצוה, איז ער געקומען צו די כוחות, און ער האט צוריק אויפגעלעבט.

## צום סוף וועט דאך ממילא יעדער לויבן

**דער** הייליגער קאברינער האט געטייטשט דעם פסוק (תהלים קמה, כא): 'תְּהִלַּת ה' יְדַבֶּר פִּי' - די לויב פונעם אויבערשטן זאל מיין מויל זאגן, ווייל סוף כל סוף וועט דאך קומען א צייט וואס עס וועט זיין '**וִיבָרֵךְ כָּל בָּשָׂר שֵׁם קָדְשׁוֹ לְעוֹלָם וָעֶד**' - אז יעדער איינער וועט לויבן דעם אויבערשטן, איז וואס דארפן מירווארטן אויף שפעטער, מען קען דאך שוין יעצט דאנקען! דעריבער '**וַאֲנַחְנוּ נְבָרֵךְ יָהּ מֵעַתָּה וְעַד עוֹלָם**' - מיר וועלן שוין לויבן דעם אויבערשטן און קיינמאל נישט אויפהערן.

אינעם לעצטן שבת הגדול בעפאר זיין הסתלקות האָט ער געזאָגט: **הַלְלִי נַפְשִׁי אֶת ה'** - אין סיי-וועלכע וועלט מיין נפש וועט זיין, סיי אין עולם המלאכים, סיי אין עולם השרפים, וועל איך לויבן דעם אויבערשטן, אבער דאך בעט איך: אֲהַלְלָה ה' בְּחַיָּי - איך זאל קענען לויבן דעם באשעפער בחיים חיותי אויף דער וועלט!

(אור ישרים)

?

## מְשָׁרְתָיו שׁוֹאֲלִים

שו"ת בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

שטיין ביי אמן ישה"ר

**שאלה: איז דא א חיוב צו שטיין בשעת ווען מען ענטפערט אמן יהא שמי' רבה?**

**תשובה:** עס זענען דא פוסקים וואס האלטן, אז ווען מען זאגט אמן יהא שמי' רבה דארף מען שטיין, און אפילו אויב מען זיצט דארף מען זיך אויפשטעלן, אבער לויט רוב פוסקים אויב זיצט מען דארף מען זיך נישט אויפשטעלן.

אבער אויב שטייט מען ממילא דעמאלס דארף מען בלייבן שטיין. צ.ב.ש. ראש חודש נאך הלל, ווען דער בעל תפילה הייבט אן קדיש, וואס ביי הלל איז דא א חיוב צו שטיין, אזוי אויך ווען מען הערט א קדיש סיי ווען נישט אינמיטן דאווענען, צ.ב.ש. איינער מאכט א סיום משניות וכדומה, און מען איז געשטאנען ביים סיום, דארף מען בלייבן שטיין ביז נאך די ווערטער 'לעלם ולעלמי עלמיא יתברך'.

די שאלות ווערן געענטפערט דורך
הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן 2#

## מַשְׁמִיעִים קוֹל



המשך פון עמוד ד' וועלכער שטייט גלייך נעבן דיר. הייב אן טראכטן אז זיין הארץ זאל זיין געזונט, זיינע נירן זאלן פונקציאנירן, זיינע אויגן זאלן ארבעטן. בעט פאר זיין געזונט. און אזוי ווייטער ביי אלע ברכות פון שמונה עשרה, ביי אתה חונן, און ברך עלינו.

סיי-וואו איר דאווענט נאר, יעדער מאן און יעדע פרוי, יעדער בחור און יעדע מיידל, סיי צי מען דאווענט אין בית הכנסת, און סיי צי מען דאווענט ערגעץ אנדערש, זאל מען אויסנוצן די געלעגנהייט צו בעטן פאר אנדערע אידן.

**מענטשן דארפן הילף. דו קענסט זיי נישט העלפן? אבער דו קענסט טון כאטש דאס: דאווען! אזוי ארום, חוץ פון אליין שטייגן און ברענגען די אייגענע נשמה נענטער צו שלימות, העלפט עס זיי אויך! דיין תפילה קען ברענגען די ישועה, און מיט תפילה קענסטו ווערן אן אוהב ישראל.**

*

## זֶה לָזֶה



### נאָכווייען פון פורים, מיסטעריעז אוועק!

**איך** וויל איבערגעבן מיין מעשה וואס איך האב געהאט ווען זיך אונטערנעמען 'נישט צו רעדן ביים דאווענען'. ס'איז נישט אזא מורא'דיגע 'מעשה', נאר ענדערש אן 'איבערלעבעניש', און איך פארצייל עס, ווייל איך וויל פשוט אויספירן מיין קבלה וואס איך האב צוגעזאגט אז איך וועל עס מפרסם זיין.

יעדעס יאר פורים ב"ה טרינק איך פיין, מקיים צו זיין דעם 'עד דלא ידע', אבער דאס יאר וואס פורים איז געווען ערב שבת, האב איך שנעל געטרונקען כדי יוצא צו זיין מצוות היום.

סוף פורים האט זיך מיר אנגעהויבן געפערליכע בויך-ווייטאג פונעם טרינקען. ממש קיין שום עצה האט נישט געהאלפן. איך האב נישט געקענט ברעכן, נישט גארנישט.

ס'איז געקומען שבת צופרי אבער ס'איז נישט בעסער געווארן. איך האב זיך ממש געוואלגערט פאר יסורים. וויפיל עצות איך האב נאר פרובירט פאר דעם איז עס נישט געגאנגען. שבת נאכן דאווענען האב איך געשפירט אז איך קען שוין נישט גיין ווייטער.

האב איך אפגעמאכט אז איך וועל פרובירן א סגולה. איך מוז דאך דא האבן אן עצה. האב איך אפגעמאכט א פעסטע קבלה אז איך גיי נישט רעדן ביים דאווענען! איך וועל פרובירן אז די ערשטע פערציג טעג זאל זיין בשלימות, און פרובירן אויך אויף ווייטער נאכדעם נישט צו רעדן ביים דאווענען, פון אדון עולם ביז אדון עולם.

ב"ה איך קען זאגן, ממש נסים ונפלאות! ס'איז נישט דורך קיין צען מינוט, און מ'איז אויפגעקומען אויף עפעס א נייער מהלך, ממש אויפן פלאץ איז איינער געקומען זאגן אז ער ווייסט פון עפעס א גוטער מהלך אויף דעם, און נאך פיר און צוואנציג שעה נישט קענען עסן און שלאפן און יסורים, האט זיך עס בארואיגט ב"ה פון איין מינוט אויפן צווייטן.

איך בין געווארן א נייער מענטש; די קבלה האט געהאלפן גלייך. די אלע נאכווייען פון פורים האבן זיך געזעגנט אויפגעלעזט, און איך האב אנגעהויבן צו קענען צוריק פונקציאנירן געהעריג ב"ה.

איך גלייב אז ס'איז א זיכוי הרבים צו פארציילן ברבים, אז נישט קיין חילוק וועלכע פראבלעם, סיי וואס עס מאכט זיך, אלץ קען העלפן די סגולה און ס'זאל זיין א זכות פאר מיר און פאר יעדעם איינעם.

א גרויסן יישר כח, הצלחה רבה, ביטע מפרסם זיין.

א. פ. קרית יואל

*

### וועלכן טאג האט מען געמופט?

**א** גוטן, איך וויל דערציילן א מעשה וואס איך האב ממש יעצט געהאט.

ס'האט זיך אנגעהויבן דעם פארלאפענעם זומער ווען מ'איז אהיימגעקומען פון די קאנטרי. איך האב געדארפט א נייע דירה. איך האב נישט געוואוסט וואו אנצוהייבן, די פרייזן זענען דאך זייער הויך. איך האב אבער אנגעהויבן טון השתדלות.

למעשה האב איך אין יענער תקופה זיך גענויטיגט אין א ישועה אין פרנסה אויך, ווייל איך בין געווען גראָד ארויס פון כולל, און איך בין נאכנישט געווען מסודר מיט קיין דזשאב. האב איך דעם פארלאפענעם ערב שבת פ' כי תצא תשפ"ד העעל"ט, זיך מקבל געווען נישט צו רעדן ביים דאווענען פאר 40 טעג.

ס'איז וויכטיג אנצוצייכענען, אז איך רעד סייווי נישט ביים דאווענען, נאר 'בתורת קבלה' איז דאך פיל חשוב'ער. אויך האב איך צוגעלייגט, נישט מעיין צו זיין אין קיין ספרים, נישט לערנען און מעביר סדרה זיין וכדו', בשעת'ן דאווענען. נאר בלויז בין גברא לגברא, און נאך שטילע שמו"ע בשעת ווען מ'ווארט אויפן בעל תפילה, דעמאלס וועל איך זאגן 'תהלים'. אבער ספרים און לערנען נישט, ווייל מען קען גרינג נכשל ווערן און ממשיך זיין אויך בשעת חזרת הש"ץ.

למעשה, ווען ס'איז געקומען דערצו, בין איך שוין דעם ערשטן שבת דורכגעפאלן... ס'איז פונקט געווען א שמחה אין דער משפחה. כ'האב מיר פארגעסן און אויסגערעדט. אבער, מ'טאר נישט ווערן אראפגעברענגט! האב איך זיך גלייך נאכאמאל מקבל געווען אנצוהייבן זונטאג, ד.מ. זונטאג פרשת כי תבא, פאר פרישע פערציג טעג.

דער פערציגסטער טאג איז אויסגעקומען יום שמיני עצרת, ס'איז נאכנישט געווען קיין ישועה, האב איך זיך מקבל געווען די זעלבע זאך פאר נאך פערציג טעג, און איך האב צוגעלייגט אז איך וועל זאגן 'מזמור לתודה', דאנקען דעם הייליגן באשעפער פאר אלע גוטע זאכן וואס איך האב יא, און אזוי האב איך געטון פאר פערציג טעג ביז ב' כסלו.

ב' כסלו האב איך זיך מקבל געווען פאר נאך פערציג טעג, וואס דאס קומט אויס י"ב טבת.

י"ב טבת האב איך זיך מקבל געווען נאכאמאל נישט צו רעדן בשעת'ן דאווענען און נישט צו לערנען. דאס איז געווען דער פערטער מאל - און גלייך אריין אין די פערטע מאל האב איך ב"ה געטראפן א הערליכע דירה!

און צווישן די פאר חדשים האט דער אויבערשטער אויך מסדר געווען די פרנסה זאל זיך אויסארבעטן ב"ה, אויף גאר א שיינעם פארנעם.

איך ווייס נישט יעדעס מאל פונקטליך וויאזוי דער אויבערשטער האט דאס אויסגעשטעלט, ס'האט זיך אבער ב"ה זייער שיין מסדר געווען, און ב"ה די דירה האב איך געטראפן, און ס'איז נישט געווען אבי געטראפן, נאר א שיינע הערליכע גרויסע דירה!

און איר ווילט הערן נאכמער? דאס מופן איז אויסגעקומען פונקט אויפן פערציגסטן טאג!!!

גלייך נאכדעם פערטן מאל מקבל זיין האב איך עס געטראפן, און ביז מ'האט אריינגעארבעט און אריינגעמופט, איז אויסגעקומען פונקט אויפן פערציגסטן טאָג!

יא, ב"ה, מ'האט געזען נסים, מ'האט נישט אויפגעגעבן, מ'האט זיך עס מקבל געווען איינס נאכן אנדערן, און איך האב זיך גלייך מקבל געווען פאר נאך פערציג טעג! אלס הודאה לה' און א בקשה על העתיד. דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער אז אלעס זאל קלאפן, מ'גייט אריין אין א נייע דירה זאל אלעס זיין בשעה טובה ומוצלחת, אמן.

יישר כח פאר אייער עבודת הקודש - הצלחה רבה. זייט געזונט!

ש.ח.ג. - וויליאמסבורג

מי שברך שחיבר מרן בעל תוס' יו"ט זיע"א

**מִי שֶׁבֵּרַךְ** אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תוֹרָה וְאֵיזֶה דִיבּוּר כָּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כָּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכָל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

**KEREN TOSFES YOM TOV**
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org